מאָסקווע
דעם 23 יוני 1989

ליבער דוד:

אַ גרויסן דאַנק פאַר דײַן בריוו און די ביכער, וואָס דו האָסט איבער-געשיקט מיר מיט דוד פישמאַן. זיי זײַנען זייער נייטיק דאָ. זײַ מיר מוחל אַז איך בין געווען אַזוי צודרינגלעך מיט מײַנע בקשות. איך בעט דיך, צואָלסטו, חלילה, ניט אויסגעבן קיין געלט פאַר אַט דעם ענין. דאַנק "אַרבעטער רינג" און "פאָרווערטס" מיר באַקומען שוין ביכער, און מיר קענען באַשטעלן בײַ זיי. איך וואָלט געוואָלט, אַז, מסתמא, קענסטו ווערן אַן עצה-געבער סײַ פאַר זיי - וואָס צו שיקן, - סײַ פאַר אונדז - - וואָס צו לייענען און איבערזעצן. פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע אַנטאָלאָגיעס פּאַסן זייער גוט צו מײַנע צילן. איך וואָלט דיר געבעטן, אויב דו האָסט אַזאַ מעגלעכקייט און אויב ס'וועט ניט נעמען בײַ דיר אַ סך צײַט, אפשר קענסטו פאַרגרייטן אַ פּובליקאַציע פון אַברהם סוצקעווערס לידער פאַרן זשורנאַל "BEK". אונדזער אָנגענומענער פאַרנעם איז 300-350 שורות און אַן עסיי אויף 5-7 זײַטן וועגן דער שאַפונגען, געשריבן אויפן סמך פון די לידער, וועלכע זײַנען אַרײַן אין דער פּובליקאַציע. וואָלטן מיר באַצאָלט אפילו אַ האָנאָראַר, צום באַדויערן אין סאָוועטישע קערבלען. אויב דו ביסט מסכים, מירן בעטן הסכמה בײַם מחבר.

איך בין אַנטציקט מיט דײַן רעדאַגירן מײַן עסיי. ס'איז געוואָרן בעסער אויף ענגליש איידער אויף רוסיש. איך האָב געמאַכט אַ פּאָר באַמער-קונגען אויף די זײַטן 4, 5 און 13. פאַרשטייט זיך, וועל איך זײַן זייער צופרידן, אויב עס וועט זײַן פאַרעפנטלעכט ווערן אין MIDSTREAM. איך מיין, אַז ס'פּאַסט מער פאַר אַט דעם זשורנאַל איידער פאַר PROOFTEXTS, וועלכער איז מער וויסנשאַפטלעך. אַ גרויסן דאַנק פאַר דײַנע באַמיִונגען מיט אויסבעסערן דעם סטיל און איבערזעצונג פון די ציטאַטן.

וואָס איז שייך דעם ביאָגראַפישן נאָטיץ, איז מיין איך, אַז ס'איז ניט כדאי צו שרײַבן, אַז איך בין אַ יונגער. בײַ אונדז דאָ אין "ייִדישער ליטעראַטור" מע האַלט פאַר אַ יונגער ביז 50 יאָרן,

נאָר די עסיי איז געשריבן דאָך אויף ענגליש. אפשר ס'וועט זײַן גענוג אָנצוּווײַזן פשוט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1957?

איך האָף, אַז דוד פישמאַן וועט דיר דערציילן מער וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך דאָ, און באַזונדערס וועגן דער ייִדישער אויפלעבונג.

זײַ מיר מוחל ווידער אַמאָל פֿאַר מײַנע צודרינגלעכקייט, נאָר איך האָב מורא, אַז מע טאָר ניט אויסרעכענען דאָ אויף לאַנגע און פּאַמעלעכע אַנטוויקלונג, און ס'וועט זיך מאַכן וואָס גיכער אַלץ מער.

אויב דו וועסט שרײַבן מיר, טו אַ פּרוּוו צו שיקן אַ בריוו ניט אַהין מיר אין שטוב, נאָר אין דער רעדאַקציע "סאָוועטיש היימלאַנד", ווײַל שוין אין משך פֿון דרײַ חדשים באַקום איך ניט קיין בריוו פֿון אויסלאַנד אין שטוב. דער אַדרעס איז:

101000, Москва
ул. Кирова 17
"Советиш Геймланд"
М. Крутикову

אַ גרוס פֿאַר דײַנע משפּחה, זײַ געזונט און שטאַרק,

דײַן מיכל קרוטיקאָוו.